**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/3/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 6.5 מיליאן דאלארדיגע איבערבויאונג פון די דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק

***פראיעקט פארבעסערט 17 מייל פון די טרעיל פון ראטשעסטער ביז עיוואַן***

***פריוואטע שטיצע פון ראַלף ק. ווילסאן דזשוניאר פאַונדעישען פארבעסערט 90-מייל-לאנגע פארוויילונג וועג***

***זעהט בילדער [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 6.5 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו פארבעסערן די דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק פון ראטשעסטער ביז עיוואַן ווילעדזש. דאס איבערמאכן די 17-מייל-לאנגע שטרעקע ביי די צפון עק פון די טרעיל איז געשטיצט געווארן דורך א 2.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די נישט-פאר-פארדינסט ראלף ק. ווילסאן דזשוניאר פאַונדעישען וואס איז אויפגעשטעלט געווארן נאך די פטירה אין 2014 פון די פאריגע אייגנטומער פון די Buffalo Bills — אין צוגאב צו נאך געלטער פון די סטעיט און פעדעראלע רעגירונג.

"די פארבעסערונגען צו די היסטארישע דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק וועט ערלויבן מער איינוואוינער און באזיכער צו שפאצירן אויף די פאנאראמישע טרעילס, צווישן די ביימער, די טאלן און היסטארישע שטעטלעך וועלכע מאכן דאס פאר א דעסטינאציע וואס מען מוז באזוכן אין ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גייסט פון דעם נפטר, ראלף ק. ווילסאן דזשוניאר, לעבט אן דורך ברייטהארציגע פילאנטראפישע באמיאונגען וועלכע פארברייטערן פארוויילונג געלעגנהייטן און פארשטערקערן טוריזם. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע אונזערע שותפים וועלכע האבן געהאלפן צוזאמען צו אהערשטעלן אן אויסגעפלאסטערטע וועג וואס איז א יחיד במינו אין מערב ניו יארק."

פארבעסערונגען האבן אריינגערעכנט דאס פונדאסניי אויספלאסטערן די טרעיל מיט שטיין-שטויב, פארשטערקערן די אינפראסטרוקטור און פארבעסערן די שילדן פון Ballantyne Road אין ראטשעסטער ביז Route 5 אין עיוואַן ווילעדזש אין ליווינגסטאן קאונטי. נייע אויסרישטונגען אריינגעבויט מיט היסטארישע שטיינערנע ציגל פון די קאנאל זענען צוגעלייגט געווארן, אריינרעכנענדיג בענק, פיקניק טישן, און אייזן צו פארקירן ביציקלעך, בענקלעך צו זיך ארויפזעצן אויף א פערד און שילדן צו די אריינגאנג. אין צוגאב צו די גרענט פון די ווילסאן פאַונדעישען, האט דער פראיעקט אויך באקומען 2.5 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור פינאנצירונג פון די סטעיט פארקס אפיס און א 1.54 מיליאן דאלארדיגע 'טראנספארטאציע אלטערנאטיוון' (Transportation Alternatives) פראגראם גרענט, געשאנקען דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט.

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "די דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק שטעלט צו געלעגנהייטן פאר א גאנציאריגע פובליק פארוויילונג, אויפן ראָוד און אראפ פונעם ראָוד, און די פארבעסערונגען מאכן דאס זיכערער און מער היימיש פאר ביציקליסטן און פיסגייער פון סיי וועלן בעפאר. מיר זענען דאנקבאר פאר די ווילסאן פאַונדעישען פארן שטיצן די פארבעסערונגען, און אזוי אויך מיט זייער שטיצע דורך די 'פריינט פון די דזשענעסי וואלי גרינוועי' ( Friends of the Genesee Valley Greenway) און זייערע מידלאזע באמיאונגען עס צו מאכן דאס וואס עס איז היינט."

**דזש. דזש. טייג, דירעקטאר פון די פארקס און טרעילס אינציאטיוו פון די ראלף ק. ווילסאן דזשוניאר פאַונדעישען, האט געזאגט,** "דער פראיעקט וועט פארבעסערן די צוטריט צו די טרעיל און די אלגעמיינע ערפארונג פאר באזיכער דורכן אויספלאסטערן פונדאסנייי די טרעיל און פארבעסערן די שילדן, און אזוי אויך צו שאפן לאנגיאריגע קשרים צווישן די קאמיוניטיס וועלכע טיילן עס מיט. די 'פריינט פון דזשענעסי וואלי גרינוועי' און זייערע שותפים פארבעסערן די דזשענעסי וואלי גרינוועי איין מייל, איין בריק און איין טייל אויף א מאל. מיר זענען באגייסטערט צו שטיצן די 'פריינט פון די דזשענעסי וואלי גרינוועי' און NYS פארקס צו איבערמאכן די הערליכע ראינאישע אוצר. מיט די 17-מייל-לאנגע שטרעקע זייענדיג פארענדיגט, זענען מיר באגייסטערט צו זעהן אנגייענדע פארשריט אויף די גאנצע 90-מייל-לאנגע טריל וואס פארבינדט ראטשעסטער סיטי, לעטשוואָרט סטעיט פארק, אלעגעני סטעיט פארק און אלע קאמיוניטיס לענגאויס די טרעיל."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "אונזער מיסיע ביי די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז צו צושטעלן א זיכערע, ווירקזאמע, באלאנסירטע און ענווייראמענטאל-שטארקע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, פארבעסערט די קוואליטעט פון לעבן און פארמערט צוטריט פאר אלע באניצער. מיר זענען שטאלץ צו האבן אריינגעגאנגען אין א שותפות מיט די סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation, OPRHP) צו שטיצן די פארבעסערונגען צו די דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק וואס וועלן פארגרינגערן פאר פיסגייער און ביציקליסטן צו האבן די ערפארונג פון די וואונדערבארע טרעיל צו שפאצירן צופיס אדער פארן אויף א ביציקל און צו זעהן איינס פון די שענסטע ראיאנען אין ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטאר פעטריק געליוועןן האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז געבענטשט מיט טייל פון די הערליכסטע פארקס און לאנדשאפטן אינעם לאנד. די פארבעסערונגען וועלכע זענען געמאכט געווארן צו די דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק פארבעסערן די פארוויילונג געלעגנהייטן פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך. איך באדאנק די ווילסאן פאַונדעישען און די 'פריינט פון די דזשענעסי וואלי גרינוועי' פארן ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט צו ערמעגליכן די פראיעקט צו ווערן דורכגעפירט."

**סטעיט סענאטאר עדווארד רעט האט געזאגט,** "עס איז געוואלדיג צו זעהן אינוועסטירונגען ווערנדיג געמאכט אין די קאמיוניטי. פארבעסערן אונזער אלטע אינפראסטרוקטור איז קריטיש און וויכטיג."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "גרינע לאנדשאפטן זענען דאס וואס מאכט א קאמיוניטי. אפסטעיט ניו יארקער געניסן אין אלע פיר סעזאנען, און אזעלכע אינוועסטירונגען דינען דירעקט אונזערע פאמיליעס און קינדער. א דאנק פאר די ראלף ק. ווילסאן פאַונדעישען און פאר די פעדעראלע רעגירונג פארן ארבעטן בשותפות מיט ניו יארק סטעיט צו פינאנצירן דעם הערליכן פראיעקט. ביציקליסטן, מענטשן וואס לויפן, שפאצירן צופיס, גייען אויף שניי און מער, וועלן קענען אויסנוצן די אויסגעפלאסטערטע וועג פאר פילע יארן אין די צוקונפט דא אין אונזער ראיאן."

**אסעמבלי מיטגלידערין מארדזשערי בירנס האט געזאגט,** "די טרעיל איז א וואונדערבארע אוצר פאר אונזער ראיאן. עס איז א ביישפיל פון די בעסטע סארט געזונטע דרויסנדיגע פארוויילונג. מיין הינטל און

איך שפאצירן אפט אויף די טרעיל. די פארבעסערונגען וועלן פארזיכערן אז די לאקאלע אוצר גיבט הנאה פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

**סקאטסוויל ווילעדזש מעיאר מעגי רידזש האט געזאגט,** "עס הערט קיינמאל נישט אויף מיר צו באאיינדרוקן וויפיל אן אינוועסטירונג פון צייט, ענערגיע, ווארעמקייט און אביסל געלט קענען אויפטוהן. די טרעיל איז באמת א דיאמאנט אין סקאטסוויל, און עס וועט פארזעצן צו זיין איינס פאר פילע יארן אין די צוקונפט, א דאנק די טאלאנטפולע רעסאָרסן וועלכע האבן דאס אויסגעפירט."

**'פריינט פון די דזשענעסי וואלי גרינוועי' פרעזידענט, דזשאָוען שומעיקער, האט געזאגט,** "די 'פריינט פון די דזשענעסי וואלי גרינוועי' האבן ארויסגעקוקט צו זעהן די פארבעסערטע טרעיל אויספלאסטערונג, די פארבעסערונגען צו די אינפראסטרוקטור און פארבעסערונגען וואס זענען געברענגט דורך דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט פאר די פארגאנגענע 30 יאר. מיר זעהען שוין יעצט העכערע מאסן פון באזיכער און לאקאלע איינוואוינער וועלכע באנוצן זיך מיט די נארוואס פארבעסערטע טרעיל און דרוקן אויס זייער דאנקבארקייט. מיר ערווארטן דאס צו אנגיין אזוי ווי די טרעיל באניצער ווערן געוואויר איבער די פארבינדונגען צווישן די דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק און די עמפייער סטעיט טרעיל און אנדערע ארטיגע טרעילס. א דאנק פאר יעדן פאר די געוואלדיגע ארבעט."

**דילען קערי, גרינוועי פראגראם דירעקטאר פאר 'פארקס און טרעילס ניו יארק', האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון דעם ווידער-אויספלאסטערונג פראיעקט איז נאך א דערגרייכונג אין די 30-יאריגע היסטאריע פון די דזשענעסי וואלי טרעיל, און עס וועט העלפן די טרעיל צו פארזעצן צו דינען אלץ א קריטישע פארבינדונג צווישן די עמפייער סטעיט טרעיל און די פאנאראמישע קאמיוניטיס אין די דזשענעסי וואלי טרעיל שטעטלעך. מיר באדאנקען די OPRHP און די ראלף ק. ווילסאן דזשוניאר פאַונדעישען פאר זייער אנגייענדע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס גרינוועי טרעיל נעטווארק."

די פולע טרעיל וואס דינט פיסגייער און ביציקליסטן, צווישן אנדערע, לויפט פאר 90 מייל פון מאנראו קאונטי ביז קעטערעגוס קאונטי. עס לויפט אויף די רוט פון די דזשענעסי וואלי קאנאל און די פענסילווועיניע רעילראָוד ראטשעסטער לאקאציע. ניו יארק סטעיט מאכט פארשריט אויף א 6.25 מיליאן דאלארדיגער "דזשענעסי וואלי גרינוועי בריקן פון אלעגאני קאונטי" פראיעקט וואס ווערט פינאנצירט דורך נאך א 1.25 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די ראלף ק. ווילסאן פאַונדעישען און א 5 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די 'טראנספארטאציע הילף' (Transportation Assistance) פראגראם. דער פראיעקט רעכנט אריין קאנסטרוקציע פון פיר בריקן און פרישע אויספלאסטערונג צו ברענגען 22 מייל פון טרעיל רוּט אין א ציה אויף א טרעיל וואס פארבינדט זיבן קאמיוניטיס: פארטעדזשוויל, ראסבורג, פילמאר, האָוטאן, קאנעדיע, אָראמעל און בעלפאסט. אין צוגאב, וועט א לעצטיגע איינהאנדלונג פון א 17-מייל-לאנגע געוועזענע וועג פון רעלסן ביי די דרום עק פון די טרעיל ברענגען געלעגנהייטן צו פארמאכן לעכער אין די טרעיל און ברענגען די גאר-נויטיגע קשרים פאר די דערנעבנדע קאמיוניטיס.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וועלכע זענען באזוכט געווארן דורך א רעקארד פון 78 מיליאן מענטשן אין 2020. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, רופט 518-474-0456 אדער באזוכט www.parks.ny.gov, פארבינדט אייך מיט אונז אויף Facebook, אדער פאַלאָוט אונז אויף Instagram אדער Twitter אדער אויף די סטעיט פארקס וועבזייטל.

\###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418